## געטאָ 1942

פון גושיבאַװ ביז פּאַװע –
דאָס איז דײַן װאַרשאַװע...
פון גרענעץ ביז גרענעץ
א מלוכה – א עבענעץ...
שטרעקסט װײטער א האַנד –
סע רעדט צו דער האַנד!...

1.

דו האָסט א מלוכה –
א פײנער מיש־מאַש:
א גמײנע
מאַשינע
װאָס צופּט נאָר די טאַש.
א פלאַקן
מיט לאַקן –
אינזשעניער־דיפּלאָם.
לעולם
א גולם
מיט בײראַט פון סדום...

2.

דו האָסט זיך דערװאָרט
צו א ײד א פּאַסט־טרעגער.
א בריגל א קאַרטל
טראָגט דײַ"ר פון האַג ער.
א פּעקאַז
פון עק גאַס
ברענגט ער געשװינד
און נעם א נדבה
פאַר װײַב און פאַר קינד.
א פּעקל
און רעקל
עס שיקט דיר די פּאָסט
און ס׳פעלט דיר צום חשבון
נאָך מער װי דו האָסט...

3.

אויף יעדן רב ײדל –
א פּוץ פּאָליצײ
און פאַר יעדן שפּינגל –
פינף בערגלעך מיט שנײ...
א לענטע
א מענטע
און א פּאָליצײַאַנט...
א היטל
געל קנ׳פל
שוין גאָר עלעגאַנט...

4.

א לוקסוס א טישקע.
א טראָטשיק אויף מי
נעם מאַך זיך א שנ׳פסקע
פון לעבעלעך מיט שנײ...
און מירעס –
איך שפּיר עס
די ספּעלע מיט גריץ.
א פּאָנטשקע
און מאָנטשקע
א מיפּוס מיט היץ...

5.

א כאַטע מיט לײַז" –
א פּראַטער – בלוי־בלוט
קוים איז ער דיר מיאוס –
סע גײ זיך צומוס...
א ריקשע
דערקװיקישע
דיך מיט א שפּאַציר
רב איטשקע
פון גריטשקע
דיר עפנט א טיר...

6.

עגלות לחיות –
אויף לאַמער און פערד.
ס׳טאַכט זיך רעקלאַמע
און ס׳ליגט דיך אין דר׳ערד...
א פּינקערט
פאַרפּינקערט
דעם געטאָ אויף שװאַרץ.
דײַן גאַנצע
מחנה
לאָז איבער אויף מאַרץ...

7.

װילסט עסן רב ײדל
א מיטאָג אין קעך
אין לײַטיגעם טעלער
מיט לעפל פון בלעך –
סע שטעל זיך אין אָגאָן
װעסט קריגן אָן עיכוב
א טעלער מיט װאַסער
מיט שאָלן פון בריקװע...
א זשימאָס –
א מימאָס
פון שפּיצע און געלט.
א צענטאָס –
א "תּסטרענטאָס"
ב׳זאָרגט קינדער מיט קעלט...

8.

קוים דאַרפסטו לײַנגײַסטיק
א מײַסטער פון פאַך –
סע זאָלסטו אין זשימאַס
ניט זוכן קײן סך:
א לינדער
ערפינדער
פון ײדישן טראָפּ
קאַליעטשעט [illegible]לשון
און דולט דיר א קאָפּ...
א שאָפער
א פלאָפער
א מײַסטער פון װאָרט
װאָס טאַכט נאָר מיט ײדיש
גימנאַסטיק און ספּאָרט...

9.

קוים האָט מען געפונען
ביים שכן א לויז –
טאַכט מען די "טהרה"
גײ דיר נאָר אַין הויז...
פאַרגעקע
לאַװקע
ס׳שפּריצט און ס׳גיסט.
דרוזשינע
פון בינים –
א בעזעם טאָט שיסט.
ס׳שליסט דיר די טויערן.
ס׳פירט דיך אין באַד–
זאָלסט נאָר ניט באַװיערן –
דו ביסט אין דײַן שטאָט...

פּיליפּ

—000—